VOLBROM

Joseph Ehrlich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

יוסף ארליך / וואָלבראָם

פֿאָרוואָרט: דב סדן

יוסף ערליך

וואַלבראָם

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1963

J. ERLICH / VOLBROM

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby St. Tel-Aviv

יוסף ערליך / וואָלבראָם

פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח' אלנבי 31

Printed in Israel
נדפס בישראל 1963

סודר במסדרת חנון את חנון
נדפס בדפוס ארזי

וואָלבראַם

העברעיש: ש. מנדל
צייכענונגען: מ. פישזון

צווישן נאַטור און כאַראַקטער

א

יוסף ערליך איז אַ מין אוניקום אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה — די דערציילונגען זיינע, סיי יענע וואָס זענען צום טייל שוין אַרויס אין בוך־פאָרעם, אָנגעהויבן פון זיין בוך „דמויות" (געשטאַלטן), די גרעסערע נאָוועלע „טוב הארץ" (גוטס פון דער ערד) און פאַרענדיקט, לעת־עתה, מיט זיין ראָמאַן „ההרריים" (די באַרג־מענטשן), און סיי די, וואָס זענען נאָך צעשפּרייט אין צייטשריפטן, ווי אַ שטייגער „אפקים דולקים" (ברענענדיקע האָריזאָנטן), זענען אַלע געשריבן געוואָרן יידיש, זענען אָבער אַלע דערשינען העברעיש, און דאָס בלויז העברעיש. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט: בלויז. יאָרן פון פריינד־שאַפט און מיטאַרבעט, וואָס האָבן מיר דערלויבט זיך אָפּצושטעלן אויף זיין מענטאַליטעט און נאָכ־צוגיין דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקל, האָבן מיר קלאָר געמאַכט די עצם־־סתירה צווישן דער געטריישאַפט צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער שרייבט, און צווישן דער אויסגעהאַלטנקייט אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער דערשיינט, ווי אַ סתירה, וואָס ער קאָן נישט און וויל נישט פאַרמיידן.

ער קאָן נישט — ער געהער צו די נאַטורן, וואָס בלייבן פאַרוואַקסן מיטן ענגערן שורש פון זייער קינדערשן און יינגלשן אָנהייב; ער וויל נישט — ער געהער צו די כאַראַקטערן, וואָס קלאַמערן זיך אָן

אין דער ברייטערער גזע פון זייער צייטיקערן און מענערשן המשך; און צווישן שורש און גזע שפּילט זיך אָפּ דער איבערבראָך פון דור, דער רעוואָלוציאָנערער איבערפלאַנץ פון דאָרט אַהער.

ב

די געשפּאַנטקייט צווישן נאַטור און כאַראַקטער ברענגט אים דערצו, אז זיין געשריבן וואָרט רעדט אין דער שפּראַך פון זיין אַלטער היים, די באַזונדערע שפּראַך פונעם גרעסטן שבט יידן, און זיין געדרוקט וואָרט רעדט אין דער שפּראַך פון זיין נייער היים, די כוללדיקע שפּראַך פון אַלע שבטים. פונדעסטוועגן וועל איך נישט פאַרשווייגן, אַז עס איז מיר תמיד קשה געווען, ווי אַזוי איז אים נישט אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג צו זען זיין וואָרט געדרוקט ווי עס איז געשריבן געוואָרן; און די קשיה האָט זיך נאָך פאַרשאַרפט מחמת אַ טשיקאַווע פּאַסירונג — די נאָוועלע זיינע „אפקים דולקים", וועלכע באַשרייבט די צייט פון די מעפּילים און זייער געראַנגל מיט דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט, און איז געווען אָפּגעדרוקט אין „מולד", איז זייער געפעלן אַ רעדאַקטאָר פון אַ חשובער יידישער צייטשריפט און נישט אָנענדיק, אַז דער מקור איז יידיש, האָט ער אַוועקגעזעצט אַ מתרגם און טאַקע זיין תרגום פאַרעפנטלעכט. איך בין געווען זיכער, אַז דער פּיקאַנטער פאַל וועט

פאַרן מחבר אוועקשטעלן די סתירה זיינע אין איר גאנצער פאראדאָקסער צוגעשפּיצטקייט, אָבער איך האָב מיך גריילעך טועה געווען: ער האָט שטיל אין זיך אריינגעשמייכלט, און איז פון זיין וועג נישט אָפּגעטרעטן, און וויטער ווילעריש געשפּילט יענע סצענע צווישן יוסף און זיינע ברידער: כי המליץ בינותם, טייטש: ווייל אַ פירשפּרעכער, אַ טאָלמעטש, איז געווען צווישן זיי.

ג

אָבער לא לעולם חוסן, טייטש: דען דאָס שטארקייט געווערט נישט אייביק, איז אַן אַלטער פסוק אין משלי. נישט אייביק קאָן דאָך אָנהאלטן אַזאַ געשפּאנטקייט; סוף סוף מוז דאָך יוסף דערלאנגען אַ זאָג: שלחו כל איש מעלי, טייטש: שיקט אַ יעדן אוועק פון מיר און דער מליץ, דער טאָלמעטש, מוז אויך ארויס, און דער מישנה־למלך צערעדט זיך מיט זיינע בראטשיקעס אזוי ווי ער האָט גערעדט מיט זיי ביז דוֹתן. אויך זיין וויט־וויטן נאָמענס־ברודער, אונדזער דערציילער, האָבן מיר איצט געפּאַקט ביי אַן אָפּנויג פון זיין דרך, און עס איז, פארשטייט זיך, אַ באזונ־דערער טעם דערביי. ער האָט תמיד בכתב אויסגעע־מיטן די וועלט פון דער אלטער היים און אירע טעמעס און האָט זיי בלויז באַרירט, אויף וויפל דאָס האָט באַנויטיקט די פאַרשטאַנדעניש פון די באשרייַ־

בענע נפשות אין דער נייער היים. מיר שטרייכן אונטער: בכתב, ווייל בעל־פה געדענק איך נישט כמעט קיין איינציקן פון אונדזערע אומצייליקע שמועסן, ער זאָל נישט דערמאָנען, מאָלן, כאַראַקטעריזירן זיין היימשטאָט וואָלבראָם, וואָס איז נישט בלויז אים איינגעבאַקן אין האַרצן, נאָר שטאַרצט ארויס פון זיין גאַנצן האַביטוס ביז צו דער אַרטיקולאַציע פון זיין חיתוך־הדיבור. נישט אומזיסט האָט אוריאל ווײַנרייך שעהען־לאַנג רעקאָרדירט זיינע שמועסן ווי אַ וואַזשנעם צושטייער צו דעם אַטלאַס פון פוילישן יידיש. און אָט האָבן זיך דער בכתב און דער בעל־פה צוזאַמענגעטראָפן און עס איז פירגעקומען דער דער־מאַנטער אָפנויג — אונדזער דערציילער האָט גענומען שרייבן איבער וואָלבראָם און לעת־עתה האָט ער אָנגעצייכנט אַ מין כלל־פּאָרטרעט פון זיין היימשטאָט. דער פּאָרטרעט פאַרמאָגט אַלע דערציילערישע מעלות זיינע — אין קורצע און שאַרפע קאָנטורן וואַקסט פאַר אונדז אויס די שטאָט אין איר אַטמאָספער, אירע טיפּן, איר וואָכנגאַנג און איר שבת־נוסח, אירע פּרנסות און פירעכצער, און דער לייענער קאָן זיך נישט געענוג אָפּוווּנדערן, ווי לאָזט זיך עס אין אַזאַ קליין רעמל אריינפּרעסן אַ גאַנצע עדה יידן און זייער כאַראַקטער און גורל.

און דאָס אויפפאַליקע איז נישט בלויז דער תוכן, נאָר אויך די צורה — אין די פאַלדן פון אַ כמעט שטרענג געהאַלטענעם ליטעראַרישן כלל־יידיש, פאַר־

באַהאַלט זיך שקאָצעריש און חנוודיק, דאָס באַזונדערע, צוליב גאָט־ווייס־וואָסערע טעמים צום דיאַלעקט דעג־רעדירטן פוילישן יידיש. דאָס וואָלבראָמער יידיש צאַפּלט דאָ ארויס פון אַן איינציק וואָרט, אַן אידיאָ־מאַטישן באַטאָן, אַ סינטאַקסישער באַזונדערקייט. און כאָטש אַלץ האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער ווייסענ־בערגישער טאָטאַלער שפּראַך־מרידה און אפילו נישט מיט פרילוצקיס האָרעוואַניע אַ קאָפּ צו פאַרריכטן די דאָליע פון פוילישן יידיש, איז עס ממילא אַ שטילער פּראָטעסט קעגן דער שפּראַכלעכער ניוועלאַציע, צו וועלכער עס האָבן געבראַכט אַן איבערגעאײַלטע טעאָריע און אַ נאָך איבערגעאײַלטערע פּראַקטיק. ווי אזוי מען קאָן אַזאַ שטילן פּראָטעסט אײדל און קינסט־לעריש קרעאירן, האָט אונדז לעצטנס געוויזן יחיאל האָפער אין זיינע וואַרשעווער הייף.

ד

די נאטור האָט אַ בויג געטאָן דעם כאראקטער, דער כאראקטער האָט נאָכגעגעבן, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן. דער וואָלבראָם־פּאָרטרעט, וואָס איז צו מערסט געגאנגען אין יזכור־בוך פון זיינע לאנדס־לייט, גייט איצט אין זיינע אייגענע טאָוולען, און ער טוט עס צווייִשפּראַכיק — זאָלן עס לייענען נישט בלויז די לאנדסלייט און אלע איבעריקע יידיש־לייענער, נאָר אויך די נפשות פון מחברס דערציי־

לונגען — די יעקעס און די צאַברעס פון „טוב הארץ", די מעפּילים פון כלערליי תפוצות איראָפּע פון „אפקים דולקים", די קורדן און אנדערע מזרח־עולים פון „ההרריים".

אחד מקרא ואחד תרגום איז צווישן העברעיש און יידיש אַן אַלטע מעשה. דער חידוש איז אין כלל, וואָס איז דאָ מקויים געוואָרן: דף כנגד דף. אויך דער חידוש ווערט פאַוואָליע מסורה — פאַר אייער־נעכטן האָט עס געמאכט ח. י. בילעצקי מיט זיינע לידער איבערגעזעצט דורך מרדכי אמיתי, אייערנעכטן האָט עס געמאַכט אפרים אויערבאך מיט זיין „ווייסער שטאָט", איבערגעזעצט דורך אליהו מייטוס; נעכטן האָט עס געמאַכט איציק מאַנגער מיט אַן אָפּקלויב פון זיינע לידער און באַלאַדן, פונקט ווי עס איז ארויס אַן אָפּקלויב באַלאַדן פון מאני לייב,ביידע איבערגעזעצט דורך שמשון מעלצער; היינט מאכט עס יוסף ערליך מיט זיין כמעט רוכאָמאָווסקישער וואָלבראָם־מיניאטור, איבערגעזעצט דורך שמאי מאנדל. מסורה שליסט אין זיך בדרך הטבע איין — המשך.

דב סדן

ירושלים, כסלו תשכ"ג

בין טבע לאופי

א

יוסף ארליך הוא כמין בן יחיד באזור ספרותנו — סיפוריו, בין אלה שכבר יצאו במגילת ספר, החל בספרו „דמויות" והנובילה הגדולה יותר „טוב הארץ" וכלה, לעת־עתה, ברומן „ההרריים", ובין אלה הפזורים עדיין בכתבי־עת, כמו למשל „אפקים דולקים" לשון־כתיבתם היא יידיש, אך לשון פירסומם היא עברית, ועברית בלבד. הריני מדגיש את התיבה: בלבד. שנות־ידידות ושותפות־עבודה, שהניחו בידי לעמוד על מזגו ולהתחקות על התפתחותו, החווירו לי את עצם הסתירה שבין נאמנותו ללשון, שבה הוא כותב, ובין עקיבותו בלשון, שבה הוא מתפרסם, בחינת סתירה, שאין שהוא יכול ואין הוא רוצה להמנע ממנה.

אין הוא יכול — הוא מכלל הטבעים העומדים בצמידותם לשורש הצר יותר של ראשיתם בילדותם ובנעוריהם; אין הוא רוצה — הוא מכלל האפיים, הנאחזים בגזע הרחב יותר של המשכם בימי בישולם ושחרותם ובין שורש וגזע מתחולל משברו של הדור, מהפכת העקירה משם וההנחה פה.

ב

המתיחות שבין הטבע והאופי הביאתו לידי־כך, שדברו הכתוב מדבר בלשון ביתו הישן, הלשון המיו־חדת של גדול שבטי־היהודים, ואילו דברו הנדפס

מדבר בלשון ביתו החדש, לשונם הכוללת של כל שבטיהם. ואף־על־פי־כן לא אעלים, כי התקשיתי תמיד להבין, כיצד לא עלתה בו תשוקה לראות את דברו נדפס כפי שנכתב, ואותה קושיה התחדדה מחמת מאורע מוזר — הנובילה שלו „אפקים דולקים”, המתארת את ימי המעפילים ומאבקם עם רשות המאנדאט, שנדפסה ב„מולד”, נתעורר עליה ברוב־־ענין עורך כתב־עת חשוב ביידיש ומתוך שלא שיער, כי מקורה ביידיש, הושיב מתרגם ואף פירסם תירגומו. ודאי היה לי, כי המקרה הפיקאנטי יעמיד בפני המחבר את סתי־רתו במלוא חדותה הפאראדוכסית, ואמנם, טעיתי: הוא אך חייך חרש לתוך עצמו, ולא סר מדרכו, והוסיף לשחק בשובבות אותו מחזה שבין יוסף ואחיו: כי המליץ בינותם.

ג

אבל לא לעולם חוסן הוא פסוק קדום במשלי. לא לעולם מתיחות כזאת, וסופו של יוסף אמירה של ציווי: שלחו כל איש מעלי, ואף המליץ בכלל כל איש, והמישנה־למלך מגלגל שיחה עם אחיו, כדרך שגילגלו עד דותן. גם תאומו־לשם, הרחוק־רחוק, המספר שלנו, נתפס עתה בסטיה מדרכו, וכמובן טעמה ונימוקה עמה. כי הנה הוא מרחיק מעליו מעודו את עולמו של ביתו הישן על מכלל נושאיו ולא נגע בהם אלא במידה שהצריכתה הבנת הנפשות בביתו החדש. אנו מדגישים:

בכתב; שכן בעל־פה כמעט שאין אני זכור שיחה אחת מרוב שיחותינו, שלא יזכיר, יצייר, יאפיין בה את עיר מולדתו, וולברום שבפולין, שלא זו בלבד שהיא מרוקמה בלבו, אלא נבלטת מכלל שיעור קומתו עד הדגשים של היתוך דיבורו. לא בכדי הסריט אוריאל ויינרייך שעות תמימות את שיחותיו כתרומה של ממש לאטלס של היידיש הפולנית. והנה עתה נזדמנו השבכתב ושבעל־פה וחלה הסטיה הנזכרת — מספ־רנו התחיל כותב על וולברום, ולעת־עתה שירטט כמין דיוקן כולל של עיר־מולדתו. הדיוקן הזה מצויים בו כל יתרונותיו בסיפור — בקוים קצרים וחדים עולה לפנינו העיר על אוירתה, טיפוסיה, דרכה בחול ונוסחה בשבת, פרנסותיה ומנהגותיה, והקורא לא ישבע מתמוה, כיצד ניתן לדחוק לתוך מסגרת קטנה כזאת עדת־יהודים שלימה על אופיתה וגורלה.

והצד המפתיע הוא לא בלבד בתוכן, אלא גם בצורה — בקפלי יידיש ספרותית, המקויימת על חומרת כלליה, מסתתרת, בפחזות וחן, היידיש הפולנית, שהשם־יודע מה טעמים הנחיתו אותה לדרגת דיאלקט. היידיש הוולברומית מפרכסת פה מתוך תיבה בודדת, מתוך דגש של אידיום, מתוך ייחוד של תחביר, ואף־על־פי שהמחבר דבר אין לו ולמרידת־הלשון הטוטאלית, נוסח ווייסנברג, ואף לא ליגיעה להשביח מעט מזלה של היידיש הפולנית, נוסח פרילוצקי, הרי זו כממילא מחאת־חשאי על הניבלציה הלשונית, שגרמו לה הלכה חפוזה והלכה־למעשה חפוזה ממנה. כיצד ניתן לגלם,

באצילות ואמנות, מחאת־חשאי כזאת, הראנו זה מקרוב יחיאל הופר בחצרותיו, חצרות וורשה.

ד

הטבע הרכין מעט את האופי, והאופי שחה אך לא נכנע. דיוקן וולברום, שניתן תחילה בספר יזכור של בני עירו, ניתן עתה בתוך טבלאות שלו עצמו, וכתיבתו כפולת לשון — יקראו לא בלבד בני עירו ושאר קוראי יידיש, אלא גם הנפשות של סיפורי המחבר: הייקים והצברים שב„טוב הארץ"; המעפילים מכל תפוצות אירופה שב„אפקים דולקים"; הכורדים ושאר עולי מזרח שב„ההרריים".

אחד מקרא ואחד תרגום הוא לגבי עברית ויידיש מעשה ישן. החידוש הוא בכלל שנתקיים עתה: דף כנגד דף. ואף חידוש זה נעשה קמעה קמעה מסורה — לפני שלשום עשה כן ח. י. בילצקי באסיפת שיריו שתירגום מרדכי אמתי בצדה; שלשום עשה כן אפרים אוירבך בקריתו הלבנה שתירגום אליהו מייטוס בצדה; אתמול עשה כן איציק מאנגר במבחר שיריו ובלדותיו, ונעשה כן למאני לייב וילקוט הבלדות שלו ושניהם תירגום שמשון מלצר בצדם, היום עושה כן יוסף ארליך בדיוקן וולברום, זעיריה כמעט־רוחומובסקאית שתר־גום שמאי מנדל בצדה. מסורה כוללת בקרבה כדרך הטבע — המשך.

דב סדן

ירושלים, כסלו תשכ"ג

אבני הכביש החלקלקות, הזקורות כלפי מעלה כראשי־חתולים, בהן היו סלולות הסמטאות העקלקלות והצרות, הבריקו, כמציצות אל הבתים. כתלי הבתים המטים, הצפופים והדחוקים בחבורה וגגותיהם המשופעים, כמתכוונים לטפס ולעלות זה על גבי זה ולהסתתר, גידרו את הרחוב, הצרו אותו. הבקתות המעוקמות והשחו־חות עמדו על הגבעה הצחיחה, המגולחת כאילו, באופן, שכולן יחד היוו את הסמטאות המעטות — את העיירה.

הסביבה חיבקה את העיירה, שתה עליה מסביב, יער הארנים העבות, האגם המכוסה ירוקה, הביצות המתערסלות, כאילו היתה האדמה תוססת תחתן בחולות — ריסנו את העיירה.

הלילה מעל לעיירה דחוס היה, אפל וטחוב. מסביב שלטה דממה. לא בלבד בני אדם ישנו — כל הסביבה נמה. לפנות בוקר, אך התחיל הלילה

די שטיינער, מיט וועלכע עס זענען געווען ברוקירט די שמאָל-צעקרומטע געסלעך, האָבן געגלאַנצט ווי פאַרגליטשטע קאַצן-קעפּ, ווי זיי וואָלטן קוקן אויף די הייזער. די שותּפות פאַרהוי-קערטע און אין ענגקייט צונויפגעפּרעסטע הייזער, די ווענט אין זייערע שיפּע דעכער, ווי איינער זאָל וועלן אַרויפקריכן אויפן אַנדערן — זיך צו באַהאַלטן, האָבן געצוימט די גאַס, זי ענג גע-מאַכט. די פאַרהויקערטע הייזלעך זענען געשטאַ-נען אויף דעם ווי אָפּראַזירטן בערגל, אַזוי צע-שטעלט, אַז זיי האָבן געשאַפן די עטלעכע געס-לעך — ס'שטעטל.

די אומגעבונג האָט דאָס שטעטל איינגע-קרייזט אין זיך. דער געדיכטער נאָדל-וואַלד, דער פאַרשליימטער „טאַך", די באַגנעס, האָבן דאָס שטעטל געצוימט.

די נאַכט איבערן שטעטל איז געווען געדיכט, פינצטער און פייכט. אין דער סביבה איז געווען שטיל. נישט נאָר די מענטשן זענען געשלאָפן, נאָר די גאַנצע געגנט האָט געדרימלט. פאַרטאָג, ווען די נאַכט האָט קוים אָנגעהויבן שיטער ווערן

מדליל והולך, והאפלה הלכה והאפירה לאט־לאט, התחילה הסביבה שהוצנה במשך הלילה, להת־חמם. רטיבות הלילה נעלמה. העיירה והסביבה חזרו ונחשפו.

בחלונות הקטנים, מעשה תשבץ, רטבו השמשות מטל. הלמות עמומה של צירים ואופנים שנשתחקו מרוב נסיעות, פילחו את דממת השחרית. מיד יצאו בעלי־העגלות החסונים ורחבי־הגרם לסמטאות, להעיר את נוסעיהם.

מעירים היו לפי כבוד הנוסע ומעמדו. בחלונות הגבוהים, בשוק, הקיש השוט קלות על הזגוגית ונשמעה קריאה מנומסת: ר' איסר או ר' יעקב. בסמטאות דפק השוט במהירות וברעש

און די פינצטערקייט האָט זיך לאַנגזאַם איבערגע־גאָסן אין גרוי, האָט די דורך דער נאַכט אָנגע־קילטע געגנט זיך גענומען וואַרעמען. די נאַכט־פייכטקייט איז פאַרשוווּנדן, ס׳שטעטל און די סביבה האָבן זיך צוריק באַוויזן.

אין די קליין־געקעסטלטע פענצטער זענען די שייבלעך נאָס געוואָרן פון דעם טוי. הווילע קלעפּ פון אויסגעפּאָרענע אָקסן און אויסגע׳רי־בענע רעדער האָבן פונאַנדערגעריסן די מאָרגן־שטילקייט. באַלד דערויף האָבן די קרעמפּיקע ברייט־ביינ̇יקע בעל־עגלות זיך געלאָזט איבער די געסלעך וועקן די פּאַסאַזשירן.


די בעל־עגלות האָבן געוועקט לויטן שטאַנד. אין די גרויסע פענצטער, אין מאַרק, האָט די בי־ציסקע [ביימש] לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער שויב און עס האָט זיך דערהערט אַ בכבודיקער רוף: ר׳ איסר אָדער ר׳ יעקב. אין די געסלעך האָט די ביציסקע געקלאַפּט שטורמיש־שנעל אין די קליינע פענצטער־שייבלעך און די בעלי־עגלות האָבן גע־שריגן: יענקל אָדער מאָשקע, הייב זיך.

על הזגוגיות הקטנות ובעלי־העגלות זרזו בקולי־קולות: יענקל או מושקה, טרח וקום.

אך יצאו עגלות־הסולמות על נוסעיהן לתחנת הרכבת, בריחוק שתי וירסטאות מן העיירה, נשמע קול שקשוק בריחים חלודים מוסטים וחריקת שערים נפתחים ברעש. על פני הסמטאות צעדו עכשיו בזה אחר זה יהודים כפופי־קומה, טעוני שקים על גבם. מתניהם היו חגורים חבל, מתחתיו היו מופשלים כנפי הקאפוטה, כדי להקל על הילוכם. מארבע רוחות העיירה נחפזו יהודים לכפרי הסביבה, לחפש מחיה, לקנות כור חטים או עור של ארנבת.

ווי נאָר די לייטער־וועגענער מיט די צונויפּ־
געזאַמלטע פּאַסאַזשירן זענען אָפּגעפאָרן צו דער
באַן, וואָס איז געלעגן צוויי וויאָרסט פונעם שטעט־
טל, האָט זיך דערהערט דאָס שיבן פון פאַרזשאַ־
ווערטע ריגלען און ס׳קראַצן פון אויפגעפּראַלטע
טויערן. איבער די געסלעך האָבן איצט, ווי נאָך אַ
רייע, געשפּרייזט געבוקטע יידן. יעדער פון זיי
האָט געהאַט איבערן רוקן פאַרבונדן אַ זעקל.
זייערע לענדן זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט
שטריק, אונטער וועלכע עס זענען געווען פאַר־
רוקט די פּאָלעס פון דער „ייבעצע”, זיי זאָלן
נישט שטערן אין גיין. זייערע נאָגעוויצעס זענען
געווען פאַרשאַרצט. זיי האָבן געטראָגן „יוכ־
טענע” שטיוול, די פּיס זענען געווען אַרומגע־
וויקלט מיט אַ „צילקע”. יעדער האָט מיט זיך
געטראָגן אַ שטעקן. די יידן האָבן דורך אַלע פיר
עקן פון שטעטל געאיילט אין די דערבייאיקע
דערפער אַריין. זיי זענען געגאַנגען זוכן חיונה —
קויפן אַ „קאַרץ” תבואה אָדער אַ קיניגל.

איצט ערשט, זענען די אין די דערפער באַ־
שטעלטע פויערן פאַרבייגעפאָרן דעם מאַרק — זיי





רק עתה הופיעו בשוק האיכרים שהוזמנו בכפרים. בעגלותיהם באו לטעון ולהוביל את סחורותיהם של נוסעי הירידים.

בחורף ובקיץ, בגשם ובקרה, אך העיר היום נהפזו עקרות הבית והטבחות לאטליזים. קצבים, יהודים רחבי־גרם ובריאי־בשר, המקצצים בזקנם וכובעיהם שמוטים להם עד למטה מעיניהם, טרודים ליד כתלי האטליז, מתעסקים בצלעות הבשר הטרי התלויות באונקלים על גבי הקירות. ככרות לחם חומות־אדמדמות, שאך זה נרדו מן התנור, ערוכות באצטבאות, ריחששו מחמת טריות. נשים, מטפחות על כתפיהן וקדירות בידיהן, הלכו לקנות חלב.

איילה־מאכל, נשען בכל כבדו על רגלו השמאלית, כעומד לנפול כל רגע, מהלך ברחוב והאסל על כתפיו — מים חיים הוא נושא ומביא

זענען געפאָרן אין די געסלעך אַריין לאָדענען די סחורות פון די ירידים-פאָרער.

ווינטער צי זומער, רעגן אָדער פראָסט, ווי נאָר דער טאָג האָט זיך געשטעלט, האָבן די בעל-הביתטעס און די קעכינס זיך געאיילט אין די יאַטקעס אַריין. קצבים, ברייט-ביי ניק אויסגע-געסענע יידן, וואָס האָבן געהאַט אונטערגעצופּטע בערד און האָבן געטראָגן די היטלעך פאַררוקט איבער די אויגן, האָבן זיך געפּאָרעט ביי די אי-בער די יאַטקע-ווענט צעהאָנגענע פריש-געטריי-בערטע זייטן פלייש. די ערשט פון אויוון אַרוים-גענומענע רויטלעך-ברוינע ברויטן האָבן, אוים-געסדרטע אין די פּאַכן ביי די בעקערס, גע-קנאַקט פון פרישקייט. פרויען, מיט טיכלעך אי-בער די אַקסלען פאַרוואָרפענע, זענען מיט טעפּ אין די הענט גענאַנגען צו דער מעלק.

איילע-מאכל, אַן איבערגעבויגענער אויפן לינקן פוס — ווי ער זאָל אַט אַט אומפאַלן, דער קאַשקעט פאַררוקט אויף אַ זייט, האָט געשפרייזט איבער די געסלעך, מיט איבער די אַקסלען איבער-געלייגטע „נאָסעס" [קאָראָמיסלעס] — געטראָגן אין די הייזער אַריין פריש געפּלומפּט וואַסער.

לבתים. מהלך הוא וממלמל לעצמו: אני רוצה יותר; אני הטוב שבשואבי-המים שבעיירה.

מאנם האדמוני — הקברן — עובר בינתיים בשוק. עינים לטושות, נפחדות, מביטות אחריו, שואלות: מי?

בשוק עומדות עגלות אחדות טעונות פחם, אותו הביאו האיכרים למכירה ממכרות דומ-ברובה. יהודים שכנפי בגדיהם מבודרות, זקנם ארוך ואצבעותיהם דקות, בודקים את הפחם אם אינו רך מדי ומתמקחים עם הגויים.

מארדוך, מטאטא הרחובות, גמלוני, גורף את האשפה שבשוק.

בחנויות השונות והמשונות, הצפופות והדחוקות זו לזו, עומדים החנוונים ונשיהם המסורבלות ומצפים לקונה שיבוא. השלטים הקטנים בעלי האותיות הדקיקות, שמעל לדלתות,

ער איז געגאַנגען און גערעדט צו זיך: איך וויל מער, איך בין דער בעסטער וואַסער־טרעגער אין שטאָט.

אינצווישן, האָט דער דאַר־געלער מאַנעס — דער קברן, זיך אַדורכגעשלייכט איבערן מאַרק. ווילד אויסגעגלאָצטע, דערשראָקענע אויגן, האָבן אים נאָכגעקוקט און זיך געפרעגט — ווער?

אין מאַרק זענען געשטאַנען עטלעכע פור־לעך מיט קוילן, וואָס די גויים האָבן געברענגט פון די דאָמבראָווער קאָפּאַלניעס צו פאַרקויפן. יידן, מיט צעפלאָשעטע ייבעצע־פּאָלעס, מיט לאַנגע בערד און דינע פינגער, האָבן געטאַפּט די קוילן, צי זיי זענען נישט צו ווייך, און זיך געדונגען מיט די גויים וועגן פרייז.

מאָרדוך, דער גאַסן־קערער, אַ ברייט־בייניקער גוי, האָט צונויפגענומען דאָס מיסט אין מאַרק.

אין די כל המינים צונויפגעקוועטשטע געוועלבער אין מאַרק זענען געשטאַנען די סו־חרים מיט זייערע היפּש־דיקלעכע ווייבער און אויסגעקוקט אַ קונה. די קליינע שילדלעך מיט די דינע בוכשטאַבן, איבער די טירן, האָט מען

כמעט שאין מבחינים בהן. הסוחרים אינם רוצים להתבלט, יודעים שיצטרכו לשלם מסים גדולים יותר, אף־על־פי שהאצטבות ריקות אצלם למחצה.

החנויות בסמטאות הן בידי בעלי המלאכה. כל אחד מהם עמל וטורח מהשכמת הבוקר עד חשכה. רובם עובדים בעצמם. אצל רבים מהם עובדים גם הבנים. רק מעטים יש להם שוליא, עוזר אחד או שנים. המקצועות יהודיים טיפוסיים: סנדלרים, רצענים, חייטים, כובענים, רפדים, אופים, שענים, פחחים ובורסקאים.

רק אחד מהם, יהודי רחב־שכם וגבה־קומה, שפניו גרומים וידיו ארוכות ועמלניות, הוא נפח. ליד פסי הרכבת בקצה הרחוב, במבוא העיירה, עומד ביתו הנמוך של יחיאל. שם יפרזל סוסים ועגלות. הזאטוטים שהצליחו להתחמק מה„חדר" ומה„רבי", עובדים כאן, כובעיהם שמוטים להם על ערפם והם לוטשים עינים מלאות התפעלות מניצוצות האש העפים מהברזל המלובן שיחיאל מחשלו.

קוים אָנגעזען. די סוחרים האָבן נישט געוואָלט זיך באַווייזן, זיי האָבן געוווּסט, אַז דער שטייער וועט זיי קאָסטן טייערער, כאָטש זייערע פּאָלי־צעס זענען געווען האַלב־ליידיקע.

די געוועלבער אין די געסלעך האָבן גע־האַלטן די בעל־מלאכהס. יעדער פון די יידן איז געווען פאַרהאָרעוועט, פון מאָרגן־גרוי ביז פינצטער. מערסטנטייל פון זיי האָבן געאַרבעט אַליין. ביי אַ סך פון זיי האָבן מיטגעאַרבעט זייערע זין. ביי מאַנכע האָט געאַרבעט אַ געזעל און אַ מאָל אויך צוויי. זייערע פאַכן זענען געווען טיפּיש יידישע: שוסטערס, שטעפּערס, שניי־דערס, היטל־מאַכערס, טאַפּעצירערס, בעקערס, זייגער־מאַכערס, בלעכערס און גאַרבערס.

נאָר איינער פון זיי אַלע: אַ הויכער, ברייט־ביייניקער ייד, מיט אַ ברייט קנאָכיק פּנים און לאַנגע אויסגעאַרבעטע הענט, איז געווען אַ קאָ־וואַל. ביי די באַן־שינעס אין עק גאַס, וואָס האָט געפירט אין שטעטל אַריין, איז געשטאַנען ר׳ יחיאלס נידעריק הויז. דאָרט האָט ער געקאָוועט פערד און געשמידט וועגענער. די ייִנגלעך, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסרייסן פון רבין, זענען

איכרי הסביבה מחכים אפילו שנה שלמה ובלבד שיחיאל יפרזל להם את העגלות. גלגל, מעשה ידיו של יחיאל, חישוקו לא יזח. ציר שיצא מתחת ידיו של יחיאל לא יכזיב, כשהסוסים יסחבו את העגלה העמוסה. כל איכר, שיחיאל מפרזל לו עגלה, מוכרח להתדיין עמו הרבה, שיכנס עמו לבית-מרזח ללגום לגימה של גמר מלאכה. הגברתן הגמלוני בעל זקן השיבה הארוך, נזהר מכך, מחשש „יין נסך".

יחיאל כמעט שאין רואים אותו ברחוב. עומד הוא ליד הסדן ומחשל את הברזל. אך משנפלה מחלוקת בקהל לובש יחיאל, בחורף את פרוות הנמיה, בקיץ את קאפוטת האריג שלו — הצבע

אַוועקגעלאָפן פון חדר. זיי זענען געשטאַנען מיט אויף הינטן פאַררוקטע היטלעך און מיט אויס־געגלאָצטע אויגן, פאַרגאַפט געקוקט ווי די פייער־פונקען פליען פונעם צעגליטן אייזן, וואָס יחיאל שמידט.

פויערן פון די דערפער האָבן געוואַרט אַפילו אַ יאָר, אַבי יחיאל זאָל זיי אויסשמידן אַ וואָגן: פון יחיאלס אַ ראָד איז די רייף נישט אַראָפּגע־שפּרונגען; פון יחיאלס אַן אָרציק און אַנקסל האָט דאָס אייזן נישט נאָכגעגעבן, ווען די פערד האָבן געשלעפּט דעם וואָגן געלאָדנט. יעדער פויער, וועלכן יחיאל האָט אויסגעשמידט אַ וואָגן, האָט זיך געמוזט מיט אים אָמפּערן, ער זאָל מיט אים גיין אין שענק אַריין באַגיסן דעם וואָגן. דער הויכער, ברייט-ביייניקער גברן מיט דער לאַנ־גער ווייסער באָרד, האָט זיך אויסגעהיטן צוליב כשרות. יחיאלן האָט מען כמעט נישט געזען אין גאַס. ער איז געשטאַנען ביי זיין קאָוואַדלע און געשמידט. אָבער אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ מח־לוקת ביים קהל, האָט יחיאל אָנגעטאָן ווינטער זיין טכוירענעם פעלץ, זומער זיין טוכענע ייבעצע, דער שוואַרצער קאָליר ביי ביידע מלבושים איז

השחור של שני הבגדים כאחד כבר האפיר מזמן — ויוצא לרחוב לשמוע מה אומרים הבריות. בין מנחה למעריב הוא מפלס לו דרך בין המת-פללים, ידו הרחבה, ידועת העמל, דופקת בכוח על אלמימר בית-המדרש. המתפללים מסתכלים בו בתמיהה: „לא רק היהודים הנאים, גם בעלי המלאכה זכאים להוות דעה, גם הם רוצים לומר מה שיש להם לומר" — צועק יחיאל. קול האריה שלו רועם בחלל בית-המדרש, והדיו חוזרים מהכתלים הנמוכים שהיסודות תחתיהם כבר התחילו שוקעים באדמה.

הסנדלרים היהודים שבעיירה עבדו רק בשביל היהודים. כל אחד מהם התאמץ שהפנתה שלו תהיה נוקשה ככל האפשר, שחרטום הנעל מעשה ידיו יהיה מעוצב כראוי וכהלכה. אך בעיירה ובסביבה היו סנדלרים למאות משאינם בני-ברית. כולם עבדו לפי „אימום" אחד ורק בעור „יוכט".

בלילות הקיץ, כשהאויר צלול, ובחורף

געוועזן שוין גרוי, און אַזוי איז ער אַרוים אין גאַס אונטערהערן. צווישן מנחה און מעריב האָט ער זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די דאַוונער. זיין ברייט אויסגעאַרבעטע האַנט האָט אַ זעץ געטאָן אין בעלעמער. אַלע יידן האָבן דערשטוינט זיך אומגעקוקט. נישט נאָר שיינע יידן האָבן צו זאָגן אין קהל, אויך די בעלי-מלאכהס ווילן מען זאָל זיך צו זיי צוהערן — האָט יחיאל געשריגן. זיין לייבן-קול האָט געהילכט איבערן בית-המד-רש. דער ווידער-קול האָט אָפּגעשאַלט פון די נידעריקע ווענט, אונטער וועלכע די יסודות האָבן שוין אָנגעהויבן זינקען אין דער ערד.

די עטלעכע יידישע שוסטערס אין שטעטל האָבן געאַרבעט נאָר פאַר די יידן. יעדער פון זיי האָט זיך די מי געגעבן זיין אָפּיענטיק זאָל זיין וואָס האַרטער, דער שפּיץ פון זיינס אַ שוך זאָל זיין נאָך מער געפּאָרעמט. אָבער אין שטעטל און אין דער געגנט אַרום זענען געווען הונדערטער שוסטער-גויים. זיי האָבן געאַרבעט לויט איין קאָפּיטע, און נאָר פון יוכטן.

אין די נעכט, זומער, ווען די לופט איז געווען לויטער, און ווינטער, ווען די לופט איז געווען





כשהאויר קפוא והשלג מגיע עד לחלונות, מהדהדת בחלל הלמות הפטישים. צלילי הפטישים התוקעים את מסמרי העץ יצרו את סמפוניית העבודה, שאפלת הלילה נשאה אותה לכל עבר. רק הגעגוע, זעק האווזים שהיהודים מפטמים אותם במכלאות, מתערב בצלילי העבודה.

במוצאי שבתות, מיד לאחר שהאפיר היום ובטרם נראה כוכב ברקיע, יהודים חרדים לא הספיקו עדיין להבדיל על הכוס, התחילו הסנדל־רים נכנסים לעיירה בחפזון, כל אחד מהם הלך כשעל כתפיו תלויה „נדנדה" של נעליים קשורות יחד. הם מביאים את הסחורה המוכנה אל הסוחרים.

למחרת, עם הנץ החמה, עמדו הסוחרים, שהיו כבר מגולחי זקן והקאפוטות שלהם מקוצצות עד לברכים, בפתחי בתיהם וחנויותיהם, וחיכו לסוחרים מן החוץ, לעשות עמם עסקים. כל היום כולו היו היהודים טרודים ובהולים, אצים רצים

געפרוירן און דער שניי איז געלעגן ביז אונטער די פענצטער, האָט אָפּגעהילכט דער האַמער־קלאַנג, וואָס האָט געקלאַפּט די הילצערנע פלעק־לעך, און נאָר דער גאַ־גאַ — דאָס געשריי פון די גענדז, וואָס די יידן האָבן געשטאָפּט אין זייערע פּאַשאַרניעס, האָט געשטערט דעם קלאַנג פון דער אַרבעט.

שפּייסצינאַכץ (מוצאי שבת), עס האָט קוים ערשט געגרויט, עס האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אַ שטערן אויפן הימל, די פרומע יידן האָבן נאָך נישט געהאַט הבדלה געמאַכט, האָבן אין שטאָט אַריינגעשאַילט די שוסטערס. יעדער פון זיי איז געגאַנגען מיט איבער די אַקסלען פאַרוואָרפענע הײדעס צונויפגעבונדענע שיך. זיי האָבן אָפּגע־טראָגן די אויסגעאַרבעטע סחורה צו די סוחרים; און צו מאָרגנס, גאַנץ פרי, זענען די סוחרים, — וואָס האָבן שוין געהאַט געגאָלטע בערד, געטראָגן די קאַשקעטלעך פאַררוקט איבער די אויגן און די ייבעצעס זענען ביי זיי געווען אונטערגעשניטן ביז דער קני, — געשטאַנען ביי די טירן און די טויערן פון זייערע הייזער און געוועלבער און אויסגעקוקט די אָנגעפּאַרענע סוחרים, געוואָלט מיט

מן הבית לסימטה, כל אחד ביקש לתפוס עוד סוחר מהסוחרים שמחוץ לעיירה.

עם ערב, הסיעו שתי רכבות נוסעים שני קרונות טעונות נעליים, לסוסנוביץ ולקראקוב. האגם התפתל, הבקיע לתוך העיירה כמעין טריז. מצדו האחד הבריכות שבהן החזיקו הדייגים את הקרפיונים לשבת. מעברו השני עמדו הבורסקאות שעיבדו את ה„יוכט" בשביל הסנדלרים. הבור־סקאים ידיהם ארוכות ומשורבבות מחמת קרצוף העורות. כפות ידיהם נראו תמיד כנבובות, צפרני האצבעות אדומות תמיד מקליפת האלון שבה הם שורים את השלחים. גם בשבתות, בבגדי

זיי האַנדלען. אַ גאַנצן טאָג זענען די יידן געווען פאַרשמייעט — זיך געאיילט, אַרויס פון הויז און אַריין אין אַ געסל. יעדער האָט געוואָלט כאַפּן נאָך איינעם פון די אָנגעפּאַרענע סוחרים. און אין אָוונט האָבן די צוויי פּאַסאַזשירן-צעגער, אַוועק-געפירט צוויי צוגעטשעפּעטע וואַגאָנעס מיט שיך, נאָך סאָסנאָווצע און קיין קראָקע.

דער סטאָק — די וואַסער-קוואַלן, האָבן זיך געשלענגלט — זיך אַריינגעשניטן אין שטעטל אַריין ווי אַ קלין. פון איין זייט וואַסער זענען געלעגן די סאָדזעס, אין וועלכע די פישערס האָבן געהאַלטן די קאַרפּן אויף שבת. פון דער אַנדערער זייט וואַסער זענען געשטאַנען די גאַרבאַרניעס אין וועלכע מען האָט געגאַרבט דעם יוכט פאַר די שוסטערס. די גאַרבער האָבן געהאַט לאַנג אויס-געצויגענע הענט פון שובן די פעל. די הענט זענען שטענדיק געווען ווי אויסגעאיילט. זייערע פינ-גער-נעגל זענען געווען רויט פון דער דאָמב-קאָרע אין וועלכער זיי האָבן געווייקט די פעל. אפילו שבת, ווען זיי האָבן געטראָגן די שבתדיקע בגדים, האָט זיך פון זיי געפילט די פעל-פוילקייט, פונקט

חג, נודף מהם רקב עורות, ממש כמו בסביבה שם עמדו בתי־החרושת שלהם.

רק הבורסקאי היינאך, יהודי צנום שרגליו כפופות ופניו גרמיים ומארכים וזקנו קצר ודליל, מרוט כאילו, העביר את בית־החרושת שלו לעיבוד עורות לקצה השני של העיר — אל הביצות. היינאך בנה בנין בן שתי קומות, הביא מווינה מכונות לחיתוך עור ולכבישתו. היה זה בית־החרושת היהודי הראשון שבעיירה.

בני הנוער התהלכו רובם בטלים מכל עבודה, מאפס מעשה היו מטיילים בשבילים אל הביצות — אל היינאך. סקרנה אותם הטכניקה המפליאה, אם כי לא סבלו את ריח המים הפסולים הזורמים, שבהם שרו את העור.

בני הנוער היהודי היו מטיילים גם סביב בתי־החרושת לגומי ולכלי חרסינה שהקימו הגרמנים מעברם השני של הפסים. קירות הלבנים האדומים שמאחוריהם בקע רעש גלגלי

ווי אין דער סביבה ווו עס האָבן זיך געפונען די גאַרבאַרניעס.

נאָר הענעך גאַרבער, אַ דאַרער ייד, אויף אויסגעבויגענע פיס, מיט אַ לאַנג ביינעק פנים און קורץ שיטער, ווי אויסגעצופּט, בערדל, האָט איבערגעפירט זיין גאַרבעריי אין דער צווייטער עק שטאָט — צו די באַגנעס. ער האָט אויסגעבויט אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע, האָט פון ווין גע ברענגט מאַשינען, וואָס האָבן געשפּאָלטן און געפּרעסט די פעל. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע פאַבריק אין שטעטל.

דאָס יונגוואַרג איז לרוב אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַס. נישט האָבנדיק קיין באַשעפטיקונג, האָבן זיי שפּאַצירט מיט די שטעגן פון די באַג־נעס — צו הענעכן. זיי זענען געווען נייגעריק צו זען די וווּנדער־טעכניק, כאָטש זיי האָבן נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון דעם אָפּפליסנדיקן וואַ־סער, אין וועלכן מען האָט געגאַרבט די פעל. זיי האָבן אויך שפּאַצירט אַרום די גומי־און עמייל־פאַבריקן, וועלכע די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט פון דער אַנדערער זייט באַן־שינעס. די רויטע ציגל־ווענט, אונטער וועלכע עס האָט זיך גע־

התמסורת — היו בבחינת חלום של בחורי העיירה. בדומה לגויים מכפרי הסביבה השתוקקו למכור את כוחם וזיעתם ולבוא על שכרם אחת לשבועיים. לא רצו לחכות ולצפות עד שהאב יפתח את ה„מגרה" ויושיט להם כמה פרוטות. השלטונות מנעו זאת.

ההצלה היחידה היתה השוק, היריד, שהתקיים בעיירה אחת לשבוע. ביום חמישי בשבת, בהשכמת הבוקר, פתחו הסוחרים את חנויותיהם וערכו את סחורתם. התגרנים העמידו בצד ימין של השוק שולחנות, דוכנים וסוכות והביאו לכאן את הפרקמטיה שלהם: מגפיים, נעליים, חליפות, ערמות של מגבעות, כובעים, כותנות ותחתונים. בצדו השני של השוק, משמאל, העמידו יהודים דוכנים עם שאריות של סחורות. „המיאסאזים" מוכרי בשר החזיר, עמדו בריחוק

וואַלצט דער רויש פון לויפנדיקע טראַנסמיסיע־רעדער, איז געווען דער טרוים פון דער יידישער יוגנט. זיי האָבן געוואָלט, ווי די גויים פון די אַרומיקע דערפער, פאַרקויפן זייער כח און שוויים, זיי זאָלן יעדע צוויי וואָכן קריגן דערפאַר באַצאָלט. זיי האָבן נישט געוואָלט וואַרטן, מוזן אויסקוקן דער טאַטע זאָל עפענען דאָס שופלעדל און זיי דערלאַנגען אַ פּאָר גראָשן. אָבער די מאַכט האָט דערצו נישט צוגעלאָזט.

אַזוי איז דער איינציקער אויסוועג געווען דער איינער טאָג אין דער וואָך — דער יריד. דאָנערשטיק גאַנץ פרי האָבן די סוחרים געעפנט זייערע געוועלבער און פונאַנדערגעסדרט זייערע סחורות. די מאַרק־שטייער האָבן פונאַנדערגעשטעלט אויף דער רעכטער זייט מאַרק זייערע טישן, שטענדערס אוןביידלעך. זיי האָבן צונויפגעטראָגן זייערע סחורות: שטיוול, שיך, אַנציגער, באַנדעס, קאַפּעליושן, היטלעך, העמדער און גאַטקעס. פון דער צווייטער זייט מאַרק — לינקס, האָבן יידן פונאַנדערגעשטעלט פולקאַשקעס מיט פאַרשידענע רעשטלעך סחורות. די מאַסאַזשעס, וואָס האָבן פאַרקויפט הזיר־פלייש, זע־

מה. נכרים גמלוניים בריאי־גוף, שהדם ממש שטף מלחייהם, לא חדלו מלהשחיז את סכיניהם המבריקים. יהודי אדוק שעבר על פניהם היה מפנה מבטו הצדה. בין היהודים מוכרי ה„שאריות" והגויים מוכרי החזיר עמד יענקל הצולע. הגויים קראו לו „יאקוב". יענקל עומד ומסובב את תיבת־הזמרה וצועק צרודות: „המסכן וקונה, את אשרו הוא בונה". תוכי צהוב ניצב על כתפו ועוזר לו, צורח בלי־הרף „כן", „כן". האיכרים עומדים ומתפעלים מהצפור המדברת, נמלכים בדעתם אם כדאי לקנות „גורל" מתיבת־

נען געשטאַנען ווייטער אַרויף. הויך, ברייט־ביינִיק אויסגעגעסענע גויים, ביי וועלכע דאָס בלוט האָט געשפּראָצט פון זייערע פּנימער, האָבן כּסדר געשלייפט זייערע בלאַנקענדיקע מעסערס. אַ פּרו־מער ייד, וואָס איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

צווישן די יידן, וואָס האָבן פאַרקויפט די רעשטלעך, און די גויים, וואָס האָבן פאַרקויפט חזיר, איז געשטאַנען דער לאָמער יענקל. די גויים האָבן אים גערופן יאַקוב. ער איז געשטאַנען און געדרייט אַ קאָרבע פון אַ קאַטאַרינקע, וואָס האָט געשפּילט איין און דעם זעלבן מאַרש. יענקל האָט געדרייט די קאָרבע און געשריגן מיט אַ הייזעריקן קול: קטאָ ריזיקויע טען שטשענשטשע בודויע. [ווער עס שטעלט איין, בויט זיין מזל] אַ געלער פּאַפּוגיי, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין אַקסל, האָט אים צוגעהאָלפן. ער האָט כּסדר געשריגן: טאַק, טאַק. [יאָ, יאָ]. די פּויערן זענען גע־שטאַנען און האָבן באַוווּנדערט דעם פויגל. יעדער פון זיי האָט געטראַכט, צי עס איז כּדאַי אַרויס־ציען אַ לאָס [גורל] פון יענקלס קאַטערינקע.

הזמרה של יענקל. הזכיה היא, לרוב, טבעת פח
או סיכה.

באמצע השוק, בין המוכרים שמשני הצדדים,
שפופות על רגליהן המלאות והמעורטלות
הכפריות, ראשיהן עטופים מטפחות צבעוניות, הן
מציעות למכירה את סחורתן: חמאה, ביצים,
תרנגולת, ברווז או אווז. העופות, כאילו חשו שבא
יומן, משיקות כנפיים ובקרקור מקרקרים.

מאחורי כל אלה באו איכרים בעגלותיהם
ונערכו זה ליד זה, כבנאי המניח לבנה ליד לבנה.
היהודים, כובעיהם שמוטים כלפי ערפם, שרוולי
מעיליהם מופשלים וכפתור המקטורן בלתי מרוכס
הומים ומהמים, קופצים ואצים מעגלה לחברתה,
ממששים את השקים, בודקים את התבואה,
מתמקחים וקונים. ההמולה והשאון עד לב השמים,

דאָס געווינס פון לאָס האָט געקענט זיין אַ בלעכן רינגל אָדער אַ שפּילקע.

אין מיטן מאַרק, צווישן די פאַרקויפער פון ביידע זייטן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פליישיק אָפּגעדעקטע פּיס די באַבעס, זייערע קעפּ זענען געווען אַרומגעבונדן מיט קאָלירטע טיכלעך. זיי האָבן אָנגעבאָטן און פאַרקויפט זייערע סחורות: פּוטער, אייער, אַ הון, אַ קאַטשקע. אָדער אַ גאַנדז. די עופות, ווי זיי זאָלן פילן זייער לעצטן טאָג, האָבן געקלאַפּט מיט די פליגל און געקרייעט.

אונטער זיי זענען פאַרפאָרן די פויערן מיט זייערע וועגענער און זיך אַוועקגעשטעלט איינער נעבן אַנדערן גלייך, ווי אַ מוירער לייגט אַ ציגל נעבן אַ ציגל. די יידן, די היטלען פאַררוקט אויף הינטן, די אַרבל פון דער ייבעצע פאַרשאַרצט, די פּאָלעס אונטערגעבויגן, די שפּענצער־קנעפּ נישט פאַרקנעפּלט, האָבן געשמייעט — זענען גע־לאָפן און געשפּרונגען פון איין וואָגן צום אַנדערן, געטאַפּט די זעק, באַקוקט די תבואה — זיך געדונגען און געקויפט. דער רעש און געפּיל־דער איז געווען גרויס, ווי דער זשום פון אַן אַנט־

כזמזומו של נחיל דבורים העוטה על עץ בפריחתו. בתוך הרעש וההמולה אפשר לראות יהודי הרוצה ב„פדיון" קומץ באגרופו את המקטורן על כתפו של איכר בשעת מדידה, כדי שיהא הולם אותו. כן יכולת לראות בת איכרים מגביהה שמלתה ומודדת מכנסיים או תחתונית, אם אינם קטנים מכפי מידתה.

מההתרוצצות וההתרגשות הוציאו יהודי העיירה בקושי את פרנסתם: לחם יבש וצלחת חמיצת-סובין או נזיד אחר כלשהו — זה אכלם היום-יומי של היהודים. אפילו לכבוד שבת אינם מתירים לעצמם אלא את האמורים של הבהמה, או נתח בשר-ראש.

אך יהודי העיירה המשיכו באורח חייהם והתקיימו. יהודי הסמטאות שלחו את ילדיהם ל„חדר". אצל איטשה המלמד, יהודי קיפח וגרום,

לאָפּענער סטאַדע בינען, וואָס באַפֿאַלט אַ בליענ־דיקן בוים. אינעם רויש און געפּילדער האָסטו געקענט זען ווי אַ ייד, וואָס וויל לייזן, ציט איין אין פּויסט די מאַרינאַרקע אויפן פּויערס פּלייצע, וואָס ער האָט געמאָסטן — עס זאָל אים פּאַסן. האָסט אויך געקענט זען ווי אַ פּאַרטע [פּויערטע] הייבט זיך אונטער דאָס קלייד און מעסט אָן גאַטקעס אָדער אַ האַלקע, צי זיי זענען נישט צו קליין אויף איר.

פֿון דעם שמייען און לויפֿן האָבן די יידן אין שטעטל בדוחק אַרויסגעשלעפּט חיונה. טרוקן ברויט מיט אַ לעפּל קלייען־באָרשט אָדער אַ טע־לער יושקע איז ביי מערסטנטייל יידן געווען דאָס טאָג־טעגלעכע עסן. אַפּילו אויף שבת האָבן זיי זיך נאָר פֿאַרגונען די געדערים פֿון אַ בהמה אָדער אַ שטיקל קאָפּ־פלייש.

אָבער די יידן אין די געסלעך האָבן געשיקט די קינדער אין חדר אַריין. ביי איטשע מלמד, אַ הויכן ברייט־ביינינקן ייד, מיט אַ לאַנג שפּיציקער באָרד, האָבן קינדער געלערנט עברי. ביי יויזיפֿן און ברוך־לאָזערן, צוויי נידעריק־קרעפּקע און דיקע יידן, וועלכע האָבן געהאַט לאַנגע, גרויע


שזקנו הארוך והמסורק מחודד, למדו הילדים ראשית קריאה, אצל יוזף וברוך-לוזר, יהודים גוצים וחסונים, בעלי זקן שיבה ארוך ושפם צהוב מהרחת טבק, למדו דרדקים חומש ורש"י. אצל מרדכי וולף, נמוך קומה ורחב-גרם, שמצח גבוה ולמדני לו וזקן רחב ומכסיף ועיניים גדולות ומפיקות בינה — למדו בחורים דף גמרא. בבית-המדרש, ליד שולחנות שהשחירו מיושן, שידיים שונות חרתו עליהם במרוצת השנים מגיני-דוד, מנורה, או סביבון — ישבו בחורים אחדים ולמדו כל אחד לעצמו.


היהודים שבטבור העיירה, כבר שלחו את בניהם הקטנים, לשעות שלפני הצהריים, לבית-הספר העממי העירוני ואחרי הצהריים ל„חדר". כמנהל בית-הספר שימשה פאני מאריה, אחותו של הרופא. היתה זאת עלמה זקנה, שפסוקת חוצה את ראש השיבה שלה. בין בקיץ ובין בחורף לבשה שמלה שחורה וארוכה עד לקרסוליים.

בערד און פאַרגעלטע נעז און וואָנסעס פון שנופּן טאַבאַק, האָבן יינגלעך געלערנט חומש און רש״י. ביי מרדכי וואָלוון, אַ נידעריק-ברייט-בייניקער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ הויכן למדנישן שטערן, אַ גרויע ברייטע באָרד און גרויסע, מיט חכמה גליענדיקע אויגן, האָבן בחורים געלערנט אַ בלאַט גמרא. אין בית-המדרש, ביי די טונקעלע פון אַלטקייט טישן, אויף וועלכע פאַרשידענע הענט האָבן, אין משך פון דער צייט, מיט טאַשן-מעסערלעך אויסגעקריצט אַ מגן-דוד, אַ מנורה, אָדער אַ חנוכה-דריידל — זענען געזעסן עטלעכע בחורים און געלערנט פאַר זיך.

די יידן אין מאַרק האָבן זייערע קינדער שוין געשיקט, פאַר מיטיק, אין דער שטאָטישער פאָלקס-שול, נאָך מיטיק — אין חדר אריין. די שול האָט געלייטעט דעם דאָקטערס שוועסטער, פאַני מאַריאַ. זי איז געווען אַן אַלטע פריילין, מיט אַ קאָפּ גרויע האָר, וואָס זענען געווען פונאַנדערגעטיילט מיט אַ שרונט אין דער מיט. זומער און ווינטער האָט זי געטראָגן אַ שוואַרץ קלייד, לאַנג ביז צו די קנעכל.

מיט דער צייט האָט דער צענטראַלער האַנט-





מרכז בעלי המלאכה שבווארשה שנתמך על-ידי הג'וינט, פתח בינתיים בנק לבעלי מלאכה וסוחרים זעירים. כיושב-ראש הבנק שימש משה מייטלים, חייט לגברות יחיד בעיירה ובסביבה כולה.

רק הנשים שבמרכז העיירה היו לקוחותיו. ערב ערב היה החייט בא לבנק שמשכנו היה בחדר שכור בביתו של אחד היהודים. הבית עמד ליד בית-היראה. משעה שמשה מייטלים חותם ומאשר הלוואות לדורשיהן, התחיל מהלך כשערפו מתוח וכשהוא מבליט כרסו לפניו.

הילוכו של החייט לגברות העלה את רוגזם של כמה מיהודי העיירה — את חברי הקהילה, הללו חששו שה„חייט" עתיד לדחוק את רגליהם. כל אחד מהם היה בטוח שהוא ולא אחר ראוי להיות בעל הדעה בבנק. מה גם שגלוי וידוע היה להם שבקופת הברזל שנשלחה מווארשה, העומדת

ווערקער־פאַרבאַנד אין וואַרשע, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורכן „דזשאָינט״, געעפנט אין שטעטל אַ באַנק פאַר די בעלי־מלאכהם און קליין־הענדלער. דער פרעזעס פון דער באַנק איז געוואָרן משה מייטלים — דער איינציקער דאַמען־שניידער אין שטעטל און אין דער סביבה, נאָר די פרייען פון מארק האָבן זיך ביי אים גענייט. ער פלעגט יעדן אָוונט קומען אין דער באַנק אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געדונגענעם צימער אין אַ יידיש הויז, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טומאה [קלויסטער]. פון זינט משה מייטלים האָט אונטערגעשריבן — באַשטעטיקט די הלוואות פאַר די יידן — האָט ער אָנגעהויבן גיין מיט אַ שטייפן קאַרק, שטופנדיק פאָרויס זיין בויך. דער גאַנג זיינער האָט געערגערט עטלעכע אין שטעטל יידן — די קהילה־דאַזאָרעס. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז דער שניידערוק קען נאָך ווערן זייער קאָנקורענט. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז די דעה־זאָגערס אין דער באַנק דאַרפן זיין נאָר זיי, בפרט אַז יעדער פון זיי האָט געוווּסט, אַז אין דער פאַנצער־קאַסע וואָס מען האָט געשיקט פון וואַרשע און וואָס שטייט אין ווינקל

בפינה, מאחורי שולחן-הכתיבה שלידו מסב ה„יושב-ראש" — שמור ממון.

ביחוד רגש חבר הקהילה נפתלי. בעל-קומה היה ורחב-כתפיים, אצבעותיו עבות וצפרניו זעירות. שתי גבות עבות ושחורות היו לו ומתחתיהן שתי עיניים נעות בלי הרף. נפתלי המריד את הקהל. כל מקום ששנים שלושה יהודים עומדים בצוותא, הוא בא ומשבר את אזנם: „כך לא יתכן". „מי שמך". „הוא מינה את עצמו". „הבנק יפשוט את הרגל". „אינו יודע לכתוב".

יהודים היו מסתכלים בו בעיניים כבויות למחצה ובשרבוב פנים, תמהים ושותקים. להם לא איכפת מי ילווה להם את הזהובים הדרושים למסחרם. מהם היו דווקא מרוצים, שחייט, מאנשי שלומנו, מסוגל לנהל בנק.

משה מייטלם, היושב-ראש, שתק. על צד

הינטערן שרייב-טיש, — ווו עס זיצט דער פּרע-
זעס — ליגט געלט.

ספּעציעל האָט זיך געערגערט נפתלי דער דאָ-
זער. ער איז געווען אַ ווזקסיקער, ברייט-בייניקער
ייד, וואָס האָט געהאַט גראָבע פינגער מיט קליינע
נעגל און האָט געהאַט צוויי רויטע דיקע
ברעמען, אונטער וועלכע עס זענען טיף געזעסן
צוויי זיך שנעל-באַוועגנדיקע אויגן. ער האָט
עס געבונטעוועט דעם עולם. ווו אַ רעדל פון צוויי-
דריי יידן, איז ער צו זיי צוגעגאַנגען און זיי אויפ-
געקלערט: עס קען אַזוי נישט זיין, קיינער האָט
אים נישט געוואָלט; ער האָט זיך אַליין געמאַכט;
די באַנק וועט באַנקראָטירן; ער קען נישט שרייבן.

די יידן, מיט זייערע האַלב-פאַרלאָשענע אויגן
און אויסגעצויגענע פּנימער, האָבן דערשטוינט
אים אָנגעקוקט און געשוויגן. זיי איז נישט געווען
קיין חילוק, וווער עס באָרגט זיי די עטלעכע זלאָ-
טעס צום מסחר; אַ טייל זענען דווקא געווען צו-
פרידן, וואָס אַ שניידער, אַן אייגענער, קאָן פירן
אַ באַנק. משה מייטלים, דער פּרעזעס, האָט גע-
שוויגן. ער אַליין איז מיט זיך נישט זיכער גע-
ווען; ער האָט געטראַכט: אפשר קענען, חלילה,

האמת לא היה בטוח בעצמו. הוא עצמו חשב: שמא עלולה נבואתו של נפתלי להתקיים, אך לכל מי שחזר באזניו על דבריו של נפתלי, השיב: „קודם-כל, מוטב שיתחתן". רווק אסור שיתערב בעניני ציבור, על אחת כמה וכמה — רווק זקן.

בר הסמכא שבעיירה היה הרב. יהודי בעל קומה ממוצעת, עור ועצמות, אפו ארוך ודק, מצח רחב של למדן, שמתחתיו קבועות עמוק שתי עיניים רושפות חכמה. למדן מופלג. לא יהודי אחד היה מחכה, בשעת הליכה לבית הכנסת, כדי לומר לו „בוקר טוב". בקיץ היה הרב מתפלל בבית-הכנסת ובחורף בבית המדרש עם בני תורה. היהודים בעיירה היו אחוזים ודבוקים זה לזה, אך כל אחד לעצמו חי את חייו הוא. זה משכים לנסוע ברכבת וזה מהלך ברגל לאחד הכפרים. פלוני פותח את חנותו ומחכה ללקוח ואלמוני עומד ועוסק בגיהוץ או בגזירה.

אך בצהרי יום ששי בשבת, אצים כל היהו-

מקווים ווערן נפתלים רייד. ער האָט די יידן, וואָס האָבן פאַר אים איבערגעחזרט נפ־תלים רייד, אַ זאָג געטאָן: קודם־כל זאָל ער חתונה האָבן, אַ בחור טאָר זיך נישט מישן אין קהלשע ענינים; דערצו נאָך אַן אַלטער בחור.

דער בר־סמכא אין שטעטל איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער רב. דער רב, מיטלוווּקסיק און דאַר, סאַמע הויט און ביינער, מיט אַ לאַנגער און דינער נאָז, ברייט־למדנישן שטערן, איז געווען אַ למדן מופלג. נישט איין ייד האָט אים אָפּגע־וואַרט, ווען ער איז געגאַנגען צום דאַווענען און אים געזאָגט: גוט מאָרגן, רב. דער רב האָט זומער געדאַוונט אין שול, ווינטער האָט ער געדאַוונט אין בית־המדרש מיט די יודעי־ספר.

די יידן אין שטעטל זענען געווען צונויפגע־לעבט, אָבער יעדער פון זיי האָט זיך באַזונדער געלעבט זיין לעבן, איינער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו פאָרן מיט דער באַן, אַ צווייטער איז געגאַנגען צו פוס אין דאָרף אַריין. ווער עס האָט געעפנט זיין געוועלב — געוואַרט אויף קונים, און ווער עס האָט זיך געשטעלט פרעסן אָדער צו־שניידן. אָבער פרייטיק, מיטיק־צייט, האָבן אַלע יידן

דים לבית-המרחץ. משה-יוסף הבלן, יהודי גמלוני ומגושם, בעל פנים רחבים ומלאים, מתוכם מציצות עיני ילד, כחולות ושוחרות טוב, ניגש להסיק את תנור המקווה כבר אור ליום חמישי בשבת. עומד היה ותוחב את בולי העץ הארוכים לתוך התנור עד צהרי יום ששי. שתי האבנים הענקיות להטו באש של גיהנום.

משהגיעה שעת הצהריים התחיל משה-יוסף „משקה" את האבנים המלובנות בקנקנים של רותחים וחום כבד ודחום מילא את חלל בית-המרחץ.

יהודים טובלים בזיעה, מלקים עצמם מרצון בזרדים ומצננים עצמם בעבוטים של מים קרים שהם שופכים על גופם. יהודים שופעים זיעה ונהנים. שוכבים שרועים על הספסלים עד שבא תורו של הרב להזיע. הרב הצנום עולה ומתפרקד על האצטבה העליונה — הששית. הבלן המגושם, משה-יוסף, עומד ומנפנף מעל לרב במטאטא רטוב.

געאײַלט אין באָד אַרײַן. משה יוסף — דער בע־
דער, הויך, מגושמדיק, מיט אַ ברייט פליישיק
פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט בלויע
גוטמוטיקע קינדער־אויגן, האָט זיך געשטעלט
הייצן דעם מקוה־אויוון שוין מיטוואָך ביינאַכט.
ער האָט די לאַנגע שטשאַפּעס האָלץ גערוקט אין
אויוון אַרײַן ביז פרייטיק פאַר מיטיק. די צוויי
ריזיקע קיזל־שטיינער האָבן געגליט ווי אַ העליש
פייער. מיטיק־צייט האָט משה יוסף גענומען
אויפגעבן — באַגאָסן די צעגליטע שטיינער מיט
קאַנען קאָכעדיק וואַסער. אַ שווער־געדיכטע און
צעבריטע היץ האָט אויסגעפילט די באָד, און
יידן האָבן געשוויצט. זיי האָבן זיך געקלאַפּט די
לייבער מיט ריטן און זיך געקילט די צעגליטע
קערפּערס מיט שעפלעך קאַלט וואַסער, וואָס זיי
האָבן אויף זיך געגאָסן. זיי האָבן געשוויצט —
זיך געקוויקט, געלעגן צעלייגט איבער די
בענק, ביז דער רב איז אַרויף שוויצן. דער
אויסגעדאַרטער רב האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף
דער העכסטער — דער זעקסטער באַנק. דער
מגושמדיקער בעדער איז געשטאַנען און האָט גע־
פאָכעט איבערן רב מיט אַן אויסגעווייקט בע־

זרדי המטאטא המחוממים צורבים כפולסין של אש. הרב שוכב ונאנח מכאב והנאה כאחד.

יהודים אצים למרחץ הזיעה. אוהבים הם לצרוב את גופם המיוגע. בזיעה חש עצמו כל יהודי בכי טוב. כולם יושבים ערומים, סמוכים זה לזה. הסוחר ליד רוכל הכפרים, בעל-המלאכה לצדו של המלמד. כל היהודים מצפים לבוא השבת. כולם רוצים לספוג שפע של חום והבל — להתפרק מהחולין, להסיר את העול. משה-יוסף התקין את ההזעה כהלכה. בלן מומחה וותיק הוא. יהודי העיירה מתפארים: „רק לנו משה-יוסף כזה". בכל שעת כושר, כשאין דעתו של מישהו נוחה מה„קהל", היה חוזר על המימרא הרווחת בעיירה: מה אפשר לקוות אם ראש הקהל והבלן הוא רווק והמיילדת היא בתולה.

כל יהודי חי את חייו הוא, אך העדה היתה

זעמל, און די צעשפּילטע וואַנדלעך האָבן געַ־
בריט ווי פּייער־ריטן. דער רב איז געלעגן און
האָט געקרעכצט פון ווייטיק און תענוג.

יידן האָבן אין שוויץ אַריין געאײַלט. זיי
האָבן ליב געהאַט אויסבריען זייערע פאַרמאַטער־
טע גופים. אין שוויץ האָט יעדער ייד זיך גוט
געפילט, — אַלע זענען געווען נאַקעט און זענען גע־
זעסן איינער נעבן אַנדערן; דער סוחר נעבן דעם
דאָרפס־גייער, דער בעל־מלאכה נעבן דעם מלמד.
אַלע יידן האָבן טאַקע אויסגעקוקט דעם פּרייטיק.
אַלע האָבן זיי זיך געוואָלט אויספּאַרען — פון זיך
אַראָפּוואַרפן די וואָכעדיקייט — דעם עול. משה
יוסף איז געווען אַ געניטער בעדער — האָט גוט
צוגעגרייט די שוויץ. די יידן אין שטעטל האָבן
זיך געריממט: נאָר מיר האָבן אַ משה יוסף. אָבער
ביי יעדער געלעגנהייט, ווי נאָר אַ ייד איז גע־
וואָרן אומצופרידן מיט קהל, האָט ער איבערגע־
חזרט דאָס שטאָטישע גלייכווערטל: וואָס קען
גוט זיין, אַז דער דאָזער און בעדער איז אַ בחור
און די הייבן [די הייבאַם] איז אַ מויד.

יעדער ייד האָט געלעבט זיין שטייגער,
אָבער די עדה איז געווען צונויפגעלעבט. יעדער





חטיבה אחת. כל יהודי דאגות פרנסה לו משלו. אך אם אירע אסון לאחד מהם, היו זקנים וצעירים שותפים לצערו. כל אחד מוכן תמיד לעזור לחברו. לעתים קרובות מאד אפשר היה לראות שתי נשים, בשמלות השבת שלהן, מטפחת הצמר המצויצת תלויה על כתפיהן, חוזרות על הפתחים לאסוף כמה זהובים בשביל משפחה של נצרכים. לא יהודי אחד חיסר נפשו מנתח טוב ותרם את חלקו „בתשואות חן".

שונה היה היחס ל„ראַט-הויז" — ביתו של גביר העיירה. הבית הארוך בן הקומות, עמד מעל מרתף עמוק וקירותיו קירות אבן, מטר

האָט געהאַט דאגות פּרנסה און דאגות משפּחה, אָבער טאָמער איז ביי וועמען אין שטעטל גע־שען אַן אומגליק, האָט אַלט און יונג מיטגעליטן. זייער אָפט האָט מען געקאָנט זען צוויי יידענעס, אָנגעטאָן אין די שבתדיק סאַטינענע קליידער, דעם שוואַרץ־שפּיצענעם שאַל פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, גיין איבער די הייזער צונויפנעמען עטלעכע גילדן פאַר אַ נויט־באַדערפיקע משפּחה. נישט איינער האָט זיך אַוועקגענומען דעם ביסן פון מויל און געגעבן זיין טרימע בישיאית כיין [תרומה בתשואות חן]

האָט זיך געמאַכט אַ שמחה אין שטעטל, האָט די גאַנצע עדה זיך מיטגעפרייט. אַלע יידן זענען געגאַנגען קוקן, זען און באַוווּנדערן. איז ווער, חלילה, געשטאָרבן, האָט דאָס גאַנצע שטעטל מיטגעטרויערט. דער צער און פּחד האָט זיך ווי פונאַנדערגעהאָנגען איבער די יידישע טירן און פענצטער.

אָבער אַנדערש איז געווען די באַציאונג צום ראָט־הויז — דעם שטעטל־גביר. דאָס לאַנגע שטאָקיקע הויז איז געשטאַנען אויף אַ טיפן קע־לער און האָט געהאַט שטיינערנע ווענט, אַ מע־

רחבם. הבית תפס שלושה רחובות — קטע מהשוק, חלק מהרחוב הראשי וסימטה, וארבעה שערים לבית.

דומה שהיהודים היו עוקפים את הבית, לא הרהיבו להתקרב, אך כל עובר ושב העיף מבט מן הצד כמבקש לראות את המתרחש מאחורי הכתלים העבים. בית הקומותיים הארוך, בעל הגג המשופע, הכיל כמה עשרות חדרים. ר׳ אברהם-מרדכי, בניו ונכדיו שלא יצאו למרחקים, איכלסו את ה„ראָט-הויז״. הינדה׳לה ה„נגידית״ אשתו היתה אשה מלאת-גוף ובעלת קומה ממוצעת. פניה קמטים-קמטים אך ניכרו בהם עדיין סימני יפיה בנעוריה. היא לבשה קרינו-לינה רחבה ולראשה שבים נוצות. מהלכת היתה

טער די ברייט. עס האָט פאַרנומען דריי גאַסן — אַ שטיק מאַרק, אַ חלק הויפּט־גאַס און אַ געסל. דאָס הויז זענען די יידן ווי אַרומגעגאַנגען. זיי האָבן זיך נישט געוואַגט דערנענטערן. אָבער יעדער פאַרבייגייער האָט פון דער זייט גע־כאַפּט אַ קוק, געוואָלט זען, וואָס טוט זיך הינטער די דיקע ווענט. דאָס לאַנג־שטאָקיקע הויז מיטן שיפן דאַך איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק צימערן. ר' אברהם מרדכי, זיינע קינדער און אייניקלעך, וואָס זענען נישט אַוועק אין דער פרעמד, האָבן געוווינט אין ראָט־הויז. הינדעלע — די נגידהסטע — זיין ווייב, איז געווען אַ מיטל־וווּקסיקע, פּליישיקע פרוי. איר פּנים איז געווען צע־קנייטשט, האָט אָבער נאָך געהאַט אַלע סימנים פון איר יוגנט־שיינקייט. זי האָט געטראָגן אַ ברייט־טאַפטענע קרינאָלינע מיט אַ טוזשורעק און אַ פעדערן־הויב אויפן קאָפּ. זי איז אַרומגע־גאַנגען איבער די שטובן און אויפגעפּאַסט ווי אַזוי אירע צוויי קעכינס קאָכן, וואָס עס טוט דער פאָרנאָל [פּורמאַן] און ווי אַזוי דער סטריזש [סטרוזש] רייניקט דעם הויף. איר קרינאָלינע איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ברייטע

בחדרים ומשגיחה איך מבשלות שתי הטבחות שלה, מה עם עובדי הבית וכיצד מנקה השומר את החצר. ה„קרינולינה" היתה מכוסה סינר־כתפיות רחב. בכתפיות הסינר היו תלויים מפתחות המרתפים שם עמדו חביות וכדי היין ומפתחות ה„מזווה" שם החזיקה את מיני המרקחת והריבה. משחלה מי בעיירה, מיד היו ממהרים ל„ראט־הויז", לקחת קצת מרקחת.

אברהם־מרדכי, יהודי נמוך ורזה, בעל זקן ארוך ודליל, פנים מארכים גרומים, מצח גדול ועינים עמוקות ונראות כקפואות, ישב יום־יום על גבי ספר. קורא היה בעיניו, שפתיו לא נעו והוא עצמו לא זז ממקומו. רק אצבעותיו הצנומות תלשו שערה אחרי שערה מזקנו המדליל והולך. רק ביום חמישי בשבת — הוא יום השוק, יושב היה על גבי פנקס, עטו בידו, ורושם בדיוק את הסכומים שהאיכרים מביאים לו. אברהם־מרדכי היה קונה מ„פריצים" שנזקקו לכסף כדי שיוכלו לנסוע לפארים ולבלות שם. את אדמת האחוזות היה מחלק חלקות חלקות ומוכרה לאיכרים

שעלקע־שאַריץ, אויף וועלכער ס׳זענען געהאָנגען סיי די שליסלען פון די קעלערס, ווי ס׳זענען גע־שטאַנען די פעסלעך און גאָנשערס וויין, סיי די שליסלען פון דער שפּיזשאַרניע, ווי זי האָט גע־האַלטן די איינגעמאַכצן. איז ווער אין שטעטל קראַנק געוואָרן, איז מען באַלד געלאָפן אין ראָט־הויז, נאָך אַ ביסל איינגעמאַכץ.

אברהם מרדכי, אַ נידעריקער דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער שיטערער באָרד, אַ לאַנג בייניק פּנים, גרויסן שטערן און טיף מאַטע, ווי געגליווערטע, אויגן, איז טאָג־טאָג געזעסן איבער אַן אָפן ספר. ער האָט געלייענט מיט די אויגן. ער האָט נישט אַ ריר געטאָן מיט די ליפּן און זיך נישט אַ באַוועג געטאָן פון אָרט. נאָר זיינע דאַרע פינגער האָבן געצופּט אַ האָר נאָך אַ האָר פון זיין שוין שיטע־רער באָרד. נאָר דאָנערשטיק — דעם יריד־טאָג, איז ער געזעסן איבער אַ בוך מיט דער פעדער אין האַנט און פאַרשריבן פּינקטלעך די געלטער וואָס די פּויערן האָבן אים געברענגט. ער האָט געקויפט גיטער ביי פּריצים, וואָס האָבן זיך גע־נייטיקט אין געלט, זיי זאָלן קענען פאָרן קיין פּאַ־ריז פאַרברענגען. די ערד האָט ער פאַרצעלירט —

בתשלומים. עזרו לו בניהול עסקיו שלמה והנדל, הגדולים שבבניו.

אברהם-מרדכי חי חיי רווחה. ב„ראַט-הויז" היה הכל מתנהל כמו אצל העשירים בכרכים הגדולים. בחצרו הסתופף ה„שטיבל" של חסידי גור. במוצאי שבתות היו חסידי גור עורכים בבית „מלווה מלכה" ולשולחן הגישו חלה ודגים, חמיצה עם תפוחי-אדמה. הניגונים החסידיים הדהדו ברחובות עד חצות. בפורים נפתחו אצל אברהם-מרדכי כל הדלתות שבבית והועמדו שולחנות ערוכים. אברהם-מרדכי ישב בראש. השולחן היה זרוע תלוליות של מטבעות כסף. את ה„משלוח-מנות" חילק הבן הבכור. כל אחד קיבל לפי ערכו. אברהם-מרדכי ישב ונהנה. ביחוד שמח על שחקני הפורים שהציגו לפניו את „מכירת-יוסף". למחו-

זי פאַרקויפט די פויערן אויף אויסצאָל. אים גע־
האָלפן פירן די געשעפטן האָבן שלמה און הענדל,
זיינע צוויי עלטסטע זין.

אַברהם מרדכי האָט געלעבט אין רחבות.
אין ראָט־הויז האָט מען זיך געפירט, ווי ביי די
נגידים אין די גרויסע שטעט. ביי אים אין הויף
איז געווען דאָס גערער שטיבל. מוצאי־שבת
האָבן גערער חסידים ביי אים אין שטוב גע־
פראַוועט די מלווה־מלכה. מען האָט געגעסן חלה
מיט פיש און קאַרטאָפל מיט באָרשטש. די חסידי־
שע נגונים האָבן געהילכט איבער דער גאַס, ביז
אין דער האַלבער נאַכט אַריין. פורים האָט מען
דאָרט געעפנט אַלע טירן לענג־אויס דעם הויז
און פונאַנדערגעשטעלט געדעקטע טישן. אַברהם
מרדכי איז געזעסן אויבן־אָן. דער טיש איז געווען
באַשטעלט מיט אָפּלקעס־געלט. געטיילט שלח־
מנות האָט דער עלטסטער זון. יעדער האָט באַ־
קומען לויט זיין סגאַל [לויט זיין מעמד].
אַברהם מרדכי איז געזעסן און הנאה געהאַט,
ספּעציעל האָט ער זיך געפרייט מיט די פורים־
שפּילער, וואָס האָבן פאַר אים פאָרגעפירט „מכי־
רת יוסף". די פאַרשטעלטע האָט ער אַליין דער־

פשים היה מחלק במו ידיו יותר מאשר לאחרים. משהגיע מתן המנות לקצו היה אברהם-מרדכי נוטל את ידיו ומסב לשולחן עם בני ביתו ועניי העיירה. את הפסח היה עורך בחוג משפחתו. ל„סדר" היו באים ומתכנסים ממרחקים כל בניו ונכדיו ואפילו קרוביו הרחוקים. האור בחדרים סנוור את העין, המפות הבהיקו מלובן. השולחנות היו ערוכים בכלי חרסינה וסכינים, כפות ומזלגות מכסף. בפרוס הפסח היה אברהם-מרדכי מזמין לביתו את ראש הקהל ונותן לו „קמחא דפסחא" בשביל הנצרכים ואילו בחולו של מועד סוכות היה נותן לו כסף לקנות תפוחי-אדמה ופחם לנזקקים.

החיים ב„ראַט-הויז" חסרי דאגה היו. אפילו קרובים רחוקים פרנסתם היתה מובטחת. רק גאולה, הבת הבכירה, יצאה מן הכלל. היתה יושבת תכופות ליד החלון, ידיה משוכלות על בטנה ומסובבת את אצבעותיה העבות כסובב טחנת יד. עיניה הקטנות, הממצמצות, הביטו

לאַנגט מער געלט ווי יעדן אַנדערן. אַז עס האָט זיך געענדיקט דאָס שלח־מנות־טיילן, האָט ער זיך געוואַשן, זיך געזעצט צום טיש, מיט זיינע בני־בית און מיט די שטעטלשע אָרעמע־לייט. פּסח האָט ער געפּראַוועט אין קרייז פון זיין מש־פּחה. צום סדר זענען זיך צונויפגעפאָרן פון דער פרעמד אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך, און אַפילו ווייטע קרובים. די ליכט־העלקייט אין די שטובן האָט געבלענדט, די ווייסע טישטעכער האָבן געשימערט. די טישן זענען געווען סער־ווירט מיט פאָרצעלאַן און זילבער־באַשטעק. פאַר פּסח האָט אַברהם מרדכי געשיקט רופן דעם ראש־הקהל און אים געגעבן קמחא־דפּיסחא. חול־המועד סוכות האָט ער אים געגעבן געלט, ער זאָל קויפן קאַרטאָפל און קוילן פאַר די נויט־באַדערפטיקע.

אין ראָט־הויז האָט מען געלעבט אָן זאָרג; אַפילו ווייטע קרובים זענען געווען אויסגעזאָרגט. נאָר גאולה — די עלטסטע טאָכטער, איז געווען אַ יוצא מן הכלל. זי איז אָפט געזעסן ביים פענצ־טער מיט פאַרלייגטע הענט איבערן בויך און געדרייט מיט אירע גראָבע פינגער ווי אַ מילעכל. אירע קליינע צוגעזענקטע אויגן האָבן שפּיזיק

במחודד. לא הניחה לשום בן-אדם, היתה מעכבת אנשים ושואלת שאלות. ידעה את כל הנעשה, את כל הרכילות, שבעיירה. בלי לחוס על שום איש. כל אחד היה מקדים לברכה ב„בוקר טוב", אם כי בחפזון. ידעה כמה שפות זרות, דבר לא שכיח באותה סביבה בימים ההם.

מי שצריך לשלוח מכתב פונה אליה שהיא תכתוב אותו. ממורמרת היתה. נתאלמנה בצעי-רותה. ילדיה היו בנכר. היתה מסורבלת, פניה ואצבעותיה שרופות. כשהיתה עדיין תינוקת פרצה שריפה בעיירה.

והיו בני העיירה מכבדים את ה„ראט-הויז" ושוכניו.

היהודים יומם עבר איכשהו, נשאו בעול הפרנסה ומרוב טורח ויגיעה לא נתנו דעתם על יום המחרת. אך בערב פקדה אותם החרדה. הרגישו מה צר להם המקום — בעיירה. זו היתה מוקפת אגם, ביצות ויערות. „בית-היראה" הגביר

געקוקט און קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט. זי האָט אָפּגעשטעלט מענטשן און זיי אויסגעפרעגט. זי האָט געוווּסט אַלע רכילות פון שטעטל און האָט קיינעם נישט געשפּאָרט. יעדער האָט איר אונטערגעטראָגן דעם גוט-מאָרגן, אָבער אייליק. זי האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן, וואָס איז אין יענער צייט און אין דער דאָרטיקער סביבה געווען אַן אויסטערליש געשעעניש. יידן, וואָס האָבן באַדאַרפט אַוועקשיקן אַ בריוו, זענען צו איר געגאַנגען, זי זאָל זיי אים אָנשרייבן. זי אַליין איז געווען פאַרביטערט — יונג געבליבן אַן אַלמנה, און אירע קינדער האָבן געלעבט אין דער פרעמד. זי איז געווען דיק און האָט געהאַט אַן אָפּגעברענט פּנים און פינגער. ווען זי איז געווען נאָך אַן אייפעלע איז דאָס שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן.

דעם טאָג זענען די יידן ווי עס איז איבערגעקומען. פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט, געבוקט פונעם עול און גורל — האָבן זיי נישט געטראַכט, ווי ווער זיין דער מאָרגן. אָבער אין אָוונט זענען זיי געוואָרן ווי אומרואיק. איצט האָבן זיי דערפילט די ענגקייט פונעם שטח. דאָס שטעטל איז, ווי געזאָגט, געווען אַרומגעקרייזט מיט אַ טאַך,

עוד יותר את הרגשת הצמצום, צל הצלב היה פרוש על השוק — נוצרים, בלכתם ל„בית־היראה" היו מברכים תמיד מכר יהודי שנפגש להם בדרכו.

אך ה„שקצים" שהקאסקטים חבושים לראשם במשופע, מוקי מגפיהם מתוחים ומקטרניהם גזורים בצורת „באקאשה" היו זורקים לעתים, בחשכת הערב, אבן, לחלון של יהודים. נכרי מאחר שביקש להכנס לחנותו של יהודי, היו ה„שקצים" אומרים לו „אַל תקנה מיהודי"!

היהודים ראו ושמעו והסתכלו סביבם בחרדה, אך הלכו להתפלל מנחה ומעריב, כתמול שלשום. האופים, במרתפיהם, עמדו מעורטלים למחצה ויחפים במשקעים שלפני התנור, ובישלו את

[טייך], די באַגנעס און די וועלדער, ווי מיט אַ צוים. פאַרגרעסערט נאָך די ענגקייט, פון די יידן, האָט די טומאה. דער שאָטן פונעם ציילעם [צלב] אויפן טומאה-טורעם האָט באַדעקט דעם גאַנצן מאַרק. קריסטן, וואָס זענען געגאַנגען אין דער טומאה אַריין, האָבן שטענדיק באַגריסט אַן אָנגעטראָפענעם באַקאַנטן ייד. אָבער די שקצים, וואָס האָבן געטראָגן די קאַשקעטן נאָ באַקער און זייערע שטיוול-כאַלעוועס זענען געווען שטייף און זייערע רעקלעך אויפן פאַסאָן פון אַ בעקעשע, האָבן אין דער פינצטער אַ ציילעוע-געטאָן אַ שטיין אין אַ יידיש פענצטער אַריין, און אַ פאַרשפעטיקטן פויער, וואָס איז געגאַנגען צו אַ ייד אין געוועלב אַריין, האָבן זיי אַ זאָג געטאָן: קויף נישט ביי אַ יידן! יידן האָבן געזען און געהערט און זיך אומרואיק אַרומגעקוקט. אָבער זיי זענען געגאַנגען צו מנחה-מעריב, ווי יעדן טאָג.

די בעקערס, אין זייערע קעלער-שטובן, זענען געשטאַנען מיט צעכראַשטשעטע לייבער, באָרוועס אין פוס-גרוב ביים אויוון און געקאָכט די מאָן-בייגל; פאַרקויפער האָבן צעפירט די בייגל


כשר



כעכי הפרג. אחרים היו לוקחים ומוכרים אותם לנוסעים שברכבות.

יהודי בעל זקן ארוך במעיל בד פשוט ונעליו קשורים אצלו במשיחות, ישב בעגלה טעונה שחיפי עץ. תחת נטל המשא, נעו הגלגלים על ציריהם בחריקה, הלמו והפרו את דממת הלילה. את השחיפים קנה היהודי מהאיכרים בכפריהם. במשך החורף עסקו הכפריים בהכנת שחיפי עץ. והיהודי בא ומוביל אותם למכירה לכורים שבדומברובה.

אפלת הלילה היתה מעובה והילכה אימים. יהודי העיירה הקפידו להישאר בביתם בשעות הלילה, ממש כבשעה שהכפריים היו באים לעיירה להתיצב לשרות צבאי ומנפצים דרך אגב, שמשות ומורידים שלטים מחנויות של יהודים. טירונים יהודים היו יושבים בבית-המדרש ומסתגפים.

צו די פּאַסאַזשירן אויף די צעגער. אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד אין אַ ציִיגן כאַלאַטל, די נאַגי־וויצעס פאַרבונדן מיט שטריקלעך, איז געזעסן אויף אַ וואָגן אָנגעלאָדנט מיט שינדלען. אונטער דער לאַסט האָבן די רעדער פון וואָגן זיך גע־שיבט — געלאָפן איבער די אַקסן — געקלאַפּט און געריסן די שטעטלדיקע נאַכט־שטילקייט. די שינדלען האָט דער ייד איינגעקויפט ביי די פּויערן אין די דערפער. די גויים האָבן אַ גאַנצן ווינטער געשניצט די שינדלען. דער ייד האָט די שינדלען געפירט קיין דאָמבראָווע פאַר די גורניקעס.

די נאַכט־פינצטערקייט איז געווען געדיכט. עס האָט אין איר געלויערט אַ פּחד. די יידן אין שטעטל האָבן זיך מי געגעבן, זיי זאָלן ביינאַכט זיין אין דער היים. פונקט אַזוי, ווי ווען די גויים פון די דערפער זענען געקומען אין שטעטל אַריין זיך שטעלן צום פּריזיוו, און זיי האָבן גע־האַקט שויבן און געריסן שילדן פון די יידישע געוועלבער. די יידישע פּריזיוונִיקעס זענען גע־זעסן אין בית־המדרש און זיך געמאָרזעט [גע־פייניקט].

בני־הנוער ממהרים ל„מועדון": מי אל ה„בונד" ומי לאגודה ציונית. המועדונים אינם אלא חדרים ריקים שאין בהם אלא שולחנות וספסלי־עץ. טיח הקירות נשר. על הקירות דיוק־ניהם של מנהיגי המפלגה. כל צעיר הרגיש צורך להיפגש עם חבר, חברה, או מכר. כל אחד מבקש להשיח מה שבלבו. אך כמעט כל אחד מסתובב שעה ארוכה בחוץ, מאחורי החלונות, מציץ פנימה לראות מי נמצא במועדון, ומעז בקושי לעבור את סף החדר. הנועזים ישבו ב„קולטורה", הספריה העירונית. הרומן והסיפור כבר מילאו את מקומם של מנחה ומעריב אצל הנוער. בספריה היו מתווכחים עד שעת ערב מאוחרת: אבטונומיה לאומית או הגירה. אמריקה או ארץ־ישראל. אך אל מעבר לימים לא יצא איש מהם.

בשעות הלילה המאוחרות, עייפים מיום

די יוגנט האָט געאײַלט אין פאַראײַן אַרײַן. ווער צום „בונד" און ווער אין אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע: די לאָקאַלן זענען געווען ליידיקע שטיבער, ווו עס זענען נאָר געווען בענק מיט היל-צערנע טישן. דער קאַלך האָט זיך געשיילט פון די ווענט. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון די פאַרטיי-פירער. יעדער פון זיי באַזונדער האָט געהאַט די נויטווענדיקייט זיך טרעפן מיט אַ חבר, אַ מיידל, אָדער אַ באַקאַנטן. יעדער פון זיי האָט זיך געדאַרפט אויסרעדן, אָבער כמעט יעדער האָט אַ לענגערע צייט זיך געדרייט אונטער די פענצטער — אַרײַנגעקוקט, ווער עס געפינט זיך אין לאָקאַל, און קוים געוואַגט איבערטרעטן די שוועל. דרייסט זענען זיי געווען אין דער „קולטורא" — דער שטעטלשער ליי-ביבליאָטעק. דער ראָמאַן און די נאָוועלע האָט ביי דער יוגנט שוין פאַרטרעטן דעם מנחה-מעריב. אין דער ביבליאָטעק האָבן זיי דיסקו-טירט ביז שפּעט: נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע צי עמיגראַציע; אַמעריקע אָדער ארץ-ישראל, — אָבער מעבר לים איז קיינער פון זיי נישט אַוועק.

שפּעט אין דער נאַכט, מידע פונעם טאָג אַרבעט, האָבן די בחורים זיך געטראָפן און זיך

עבודה, היו בחורים נפגשים ומסתובבים „הלוך ושוב" בשוק הריק והעזוב. נשמו אל קרבם את טחיבות הלילה והחשכה להם מחסה. מטיילים היו ומוסרים זה לזה בסודי סודות: „במשך הזמן תרד הסנדלרות לגמרי". „הנעלים הממוסמרות יכבשו את השוק". „ב,זאגלמביה' עובדים כבר פועלי המחטו לפי שעות נוספות". „אלא מה? ירשו שינצלו אותם, כמונו?" נענו כמה קולות הנוקים כאחד, שלא תשמע אותם אוזן זר. עם פרידה הם מחליפים ביניהם ברושורות. „הקאפיטל של מארכס". קופל הספר, עסקן פועלים, יהודי צנום וקרח, שפניו חיוורים, הוא שהביא בסתר את החוברות מבנדין.

השוחטים — דמות גוצה, מסורבלת ועגלגלת ככדור — ר' פייבל השוחט בעל זקן קצר ודליל וחתנו בעל זקן מידות שאדמימותו לוהטת בחושך — צועדים לילה לילה לבית-המטבחיים.

גערדרייט אַהין און צוריק איבערן ליידיקן מאַרק. זיי האָבן געעטעמט די נאַכט-פייכטקייט און די פינצטערניש האָט זיי פאַרשטעלט. זיי האָבן שפּאַצירט און סודותפול זיך איבערגעגעבן: מיט דער צייט וועט דאָס שוסטעריי אונטערגיין! מען וועט טראָגן נאָר געגריווועטע שיך. אין זאַגלעמביע אַרבעטן שוין די נאָדל-אַרבעטער איבער-שעהען. וואָס דען, זיי וועלן זיך לאָזן אויסנוצן, ווי מיר? — האָבן צוזאַמען אויסגערופן עטלעכע הויל-פאַרשטיקטע קולות, מען זאָל זיי נישט הערן.

ביים אָוועקגיין האָבן זיי איבערגעטוישט — זיך איבערגעגעבן די בראָשורן פון מאַרקס-מאַני-פעסט וכדומה. די בראָשורן האָט קאָפּל פריזיער, דער אַרבעטער-עסקן — אַ דאַרער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ בלאַס פּנים און אַ פליך אויפן קאָפּ, גע-ברענגט געהיים פון בענדין.

אָבער די שוחטים — ר' פייוול שוחט, אַ גע-שטאַלט ווי אַ בעלעכל — וועלכער האָט געהאַט אַ קורץ ע׳יטער בערדל און זיין איידעם — מאיר שוחט, וועלכער האָט געהאַט אַ לאַנגע רויטע באָרד, וואָס האָט מיט איר קאָליר ווי געגליט אין דער פינצטער — זענען נאַכט-נאַכט גע-

מצעדם כבד, גבם כפוף. צועדים והחלפים מוצנעים בחיקם.

יהודים מלווים אותם במבטם, מי בפחד — לשחוט הם הולכים, מי בשביעת-רצון — לא יחסר בשר כשר בעיירה.

בשוק, סמוך ל„בית היראה", בבית שאתה עולה אליו כמה מדרגות, ישבה כפופה על גבי ספר דמותו רחבת הגרם של ר' יוקל דיין. ראש מקריח, מצח „למדני" גדול ועינים שקועות עמוק, זקנו מחודד, ארוך ולבן. רכון על הספר ישב לאורה של עששית וחיכה שמא יצטרכו לו יהודים, אולי יבוא מי לשאול שאלה.

נכנס אליו ילד ומביא קורקבן או כנף, ושואל אם הם מותרים באכילה, ישאל קודם כל: „בן מי אתה?" ופוסק לפי מעמד האיש וחוזר לספרו.

גאַנגען אין שאַכט[שעכט]-הויז אַריין. זייערע טריט זענען געווען שווערע, די פּלייצעס געבוקט. זיי זענען געגאַנגען און אין בוזעם פאַרשטעקט געטראָגן דעם לאַנגן חלף. יידן האָבן זיי באַגלייט מיט די אויגן, ווער מיט פחד — זיי גייען שחטן, ווער מיט פרייד — ס׳שטעטל וועט זיין פאַרזאָרגט מיט כשר פלייש.

אין מאַרק, נעבן דער טומאה — אַרויפצוגיין אויף אַ פּאָר טרעפּ, איז געזעסן איבער אַ ספר די ברייט-בייניקע געשטאַלט — רבי יאָקל דיין. זיין באָרד איז געווען שפּיציק, לאַנג און ווייס. ער איז געזעסן אַן איבערגעבויגענער איבערן ספר, ביים שיין פון אַ קאַגאַניקל און געוואַרט, אפשר וועלן יידן אים דאַרפן, — אים קומען פרעגן אַ שאלה.

אַז אַ קינד איז צו אים אַריין מיט אַ פּיפּיק אָדער מיט אַ פליגל — צי מען קען אים נוצן, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: קינד, וועמענס ביסטו? ער האָט געפּסקנט לויטן סגאַל און ווי תמיד ממשיך געווען זיין עבודת-הבורא.

*

בבוקר עבות, כשהשמים קודרים וכבדים, והגשם מרחף בחלל העיירה, כינסו הגרמנים את עדת יהודי וולברום בשוק. הנכרים שבעיירה והאיכרים שהגיעו מהכפרים, שעונים אל קירות הבתים והסתכלו בהנאה.

את הזקנים והחולים הוציאו הגרמנים אל מחוץ לעיר, לשדה הריק שבין היער ובית-הקברות וירו בהם. את הנותרים הריצו אל הרכבת, והרכבת הובילה אותם בדרכם האחרונה.

יתגדל ויתקדש.

*

אין אַ טריבן פרימאָרגן, דער הימל איז גע־
ווען טונקל און שווער, דער רעגן האָט געהאָנגען
אין דער לופט, האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט
די עדה וואָלבראָמער יידן אין מאַרק. די שטאָט־
גויים און די פון דערפער אָנגעקומענע פויערן
זענען געשטאַנען אָנגעלענט אין די הייזער און
צופרידענע זיי באַטראַכט.

די דייטשן האָבן די אַלטע און קראַנקע יידן
אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט, אויף דעם
ליידיקן פעלד צווישן וואַלד און דעם בית־הקברות
און זיי אויסגעשאָסן. די געבליבענע עדה יידן
האָבן זיי פאַרטריבן צו דער באַן. דער צוג האָט
זיי אַוועקגעפירט אויף זייער לעצטן וועג.

יתגדל ויתקדש.